# קדושים

**א. ווען דער פסוק[1] רעדט וועגן דעם שכר פאַר ניט עסן די פירות פון די ערשטע דריי יאָר ערלה און פאַר דעם ברענגען די פירות פון דעם פערטן יאָר[2] צו עסן זיי אין ירושלים, זאָגט ער דעם לשון „ובשנה החמישית גו׳** להוסיף **(למ״ד בתחילתה) לכם תבואתו״ — אַז די** כוונה **און דער** תכלית **פון די מצות איז, די הוספת התבואה וואָס וועט זיין בשנה החמישית**[3].

**דערפון איז פאַרשטאַנדיק (בפנימיות הענינים**[4]**), אַז די פירות פון דעם פינפטן יאָר האָבן אין זיך אַ מעלה ניט בלויז לגבי די פירות פון די ג׳ שני ערלה וועלכע זיינען אסור (וואָס זייער חיות איז (ווי אַלע דברים האסורים) פון שלש קליפות הטמאות לגמרי**[5]**), נאָר אפילו לגבי די פירות פון שנה הרביעית — כאָטש זיי זיינען (ניט בלויז מותרים באכילה, נאָר נאָכמער —) „קדש הילולים להוי׳״, וואָס צוליב דער מעלה פון פירות השנה החמישית, באַשטייט דער** תכלית **פון דער מצוה „ובשנה הרביעית גו׳״**[2] **— אין דעם וואָס „ובשנה החמישית גו׳״.**

**און ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אין לקו״ת**[6]**, אַז די פירות פון די ערשטע דריי יאָר זיינען כנגד די ג׳ עולמות בי״ע (וואָס פון זיי קען זיין**

---

1) פרשתנו יט, כה.

2) **ראה תו״כ ורש״י כאן: הרי ארבעה** שנים כו׳.

3) **ועפ״ז יובן מ״ש רש״י „המצוה הזאת שתשמרו תהי׳*** להוסיף **לכם תבואתו, שבשכרה אני מברך כו׳״ דלכאורה הי׳ מספיק שיכתוב „שבשכר המצוה הזאת אני** מברך לכם פירות הנטיעות״**, ומהי האריכות שכותב „המצוה הזאת . . תבואתו״ —**

כי בזה מפרש הלשון „להוסיף גו׳״, „**המצוה הזאת** תהי׳ **להוסיף כו׳**״.

**ועפ״ז יובן גם המשך דברי רש״י „הי׳** ר״ע **אומר דברה תורה כנגד יצה״ר כו׳״ — דלכאורה: הרי** בכו״כ **מצות פירש הכתוב שכרן. ומהי ההוכחה דבמצוה זו יש** חידוש אשר „**דברה** תורה כנגד יצה״ר״ —

כי בזה מפרש שהטעם לזה שהתורה חידשה כאן (התירה) **ששמירת מצוה זו** תהי׳ **בכדי לקבל פרס, כי*** „דברה תורה כנגד יצה״ר שלא יאמר כו׳״. וראה בארוכו לקו״ש חכ״ב ע׳ 108 ואילך.**

4) **משא״כ בדרך הפשט — ראה הערה הקודמת.**

5) **תגיא רפל״ז. וראה לקו״ת פרשתנו כט, ג (וראה לקמן בפנים) — מפרדס שער כד בסופו: שלש שנים יהי׳ לכם כו׳ וזהו כנגד ג׳ קליפות הטמאות.**

6) **שם ל, ד.**

---

*) שיש לפרשו תהי׳ **שמירתכם** (ולא — תהי׳ **המצוה**).

**) שבזה **מחדש**, שההוספה תהי׳ גם לאחרי שישנם כבר פירות הנטיעות (**וע״ד** המבואר בלקו״ש ח״ה ע׳ 122 ואילך), בפרש״י (כו, יב ד״ה מאה שערים).

והוכחת רש״י לזה היא, ממש״נ „להוסיף לכם תבואתו״ לאחרי „ובשנה החמישית תאכלו את פריו״ (וראה ראב״ע כאן) — שמזה מוכח, שהברכה „להוסיף גו׳״ היא ב„פריו״ (ועפ״ז יומתק גם לשון רש״י „**פירות** הנטיעות״ — אף שבכתוב נאמר „**תבואתו**״ — כי הברכה „להוסיף״ היא ב„**פריו**״).

***) ועפ״ז יומתק הלשון „דברה תורה כנגד יצה״ר״, שמורה אשר **מתירין** איזה ענין בכדי שלא יבוא לידי ענין חמור יותר (ראה קידושין כא, סע״ב. רש״י תצא כא, יא), כי באם לא יתירו לו שישמור את המצוה **בשביל** להוסיף — **לא** יקיימה.

**א יניקה צו די ג׳ קליפות הטמאות** [7]**; „בשנה הרביעית״ — כנגד עולם ה־אצילות (וואָס די ד׳ עולמות אבי״ע זיינען כנגד די ד׳ אותיות פון שם הוי׳** [8]**); און „ובשנה החמישית גו׳ להוסיף לכם תבואתו״ — איז דער „תוספת האור הנמשך מקוצו של יו״ד דשם הוי׳״, וואָס איז העכער אויך פון דעם יו״ד. און ווי ער זאָגט אין לקו״ת** [9] **„והוא בחי׳ הכתר״.**

**דאַרף מען פאַרשטיין: ווי קומט עס אַז די פירות פון שנה הרביעית, מוז מען עסן נאָר בירושלים און זיי זיי־נען „קדש הלולים להוי׳״, אָבער די פירות פון שנה החמישית — וואָס האָבן אין זיך אַ** העכערע **מעלה פון די פירות דשנה הרביעית — האָבן ניט אין זיך קיין קדושה, און מ׳מעג זיי עסן בכל מקום ואפילו בטומאה?**

**ב.** וועט מען דאָס פאַרשטיין בהק־דים דעם סיפור פון בעש״ט, וואָס דער רבי דערציילט אין מאמר ד״ה ואתה קדוש יושב תהלות ישראל [9]. **וז״ל המאמר:**

דער הייליגער בעש״ט ווען ער איז נאָך געווען אַ נסתר און האָט גע־וואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט און פון דאָרף צו דאָרף איז ביי דעם היי־ליגען בעש״ט געווען איינע פון זיינע עבודות הקדש צו פרעגן ביי יעדער אידן, מענער און פרויען, אַלט און יונג, ווי עס גייט זיי אין געזונט.. אין פרנסה, און איז זייער געווען צופרידען צו הערען די אים ליבע ענטפערס וואָס די אידען, מענער, פרויען און קינדער פלעגן אים ענטפערן מיט פאַרשידענע ג־ט לויבענישן אויס־שפראַכן, ברוך השם, געלויבט ה־שי״ת..

איין מאָל האָט פאַסירט אַז דער רבי דער בעש״ט איז געקומען אין אַ געוויסן ישוב, האָט דער רבי דער בעש״ט זיך געפירט מיט זיין הייליגען דרך אין עבודת השי״ת אויף מזכה צו זיין די אידן, מענער, פרויען און קינדער, מיט דעם גרויסען זכות וואָס זיי לויבען ג־ט ב״ה׳ס הייליגען נאָמען. **אין יענעם ישוב איז געווען אַ איד אַ גאָר טיפער זקן אַ גרויסער תלמיד חכם, אַ פרוש פון אַלע וועלטליכע זאַכן. שוין איבער אַ יובל, פופציג יאָר, אַז ער זיצט יומם ולילה און לערנט די הייליגע תורה בפרישות ובקדושה. אַלע זיינע יאָרן איז ער אַ יושב בתענית אין טלית ותפלין ביז שפעטיגער מנחה און ערשט נאָך תפ־לת ערבית איז ער טועם אַ שטיקעל ברויט מיט וואָסער.**

**ווען דער רבי דער בעש״ט איז אַריינגעגאַנגען צו דעם גאון אין דער**

---

7) כי מצד זה שהם כנגד ג׳ עולמות בי״ע (ובענין הספירות — בחי׳ נה״י (לקו״ת שם)) — אין טעם שיהיו אסורים.

ועפ״ז מקשר בלקו״ת שם (כט, ג ואילך) מ״ש הרמ״ז (לזח״א צז, סע״ב) שבג׳ שנים הראשונות מקבלת המלכות מבחי׳ נה״י (ובענין העולמות ג׳ עולמות בי״ע) עם פי־רוש הפרדס דלעיל הערה 5.

8) לקו״ת מסעי צה, א. וש״נ. וראה לקו״ש ח״ו ע׳ 117.

9) נדפס בסה״מ אידיש ע׳ 138 ואילך. וי״ל, שמה שמקדים בלקו״ת פרשתנו (כט, סע״ב) „אך הענין ע״פ מ״ש ואתה קדוש * יושב תהלות ישראל כו׳״ [שהפירוש שב־לקו״ת שם הוא, כנראה, מיוסד על פירוש הבעש״ט ע״פ זה המובא לקמן בפנים] הוא גם בכדי לרמז תירוץ להקושיא דלעיל סו־ס״א, כדלקמן ס״ד.

*) להעיר, שיש לזה שייכות לשם ה־סדרה — קדושים. ולהעיר, שגם בסיום הסדרה בלקו״ת כותב „יקנה ויחקוק סדר קדשים כו׳״. וכן בסיום הסדרה: והייתם לי קדושים כי קדוש אני ה׳ ואבדיל גו׳.

פרישות שטיבעל וואָס איז געווען אין אַ ווינקעל פון דער שוהל האָט דער רבי דער בעש"ט געפרעגט ביי דעם גאון ווי גייט עס אים אין געזונט, צי האָט ער זיין הצטרכות און הספקה, דער גאון האָט זיך אויף דעם רבי'ן, וועלכער איז געווען געקליידעט ווי אַ פשוט'ער דאָרפסמאַן, ניט אומגעקוקט, דער רבי האָט עטליכע מאָל געפרעגט די פראַגען ביז דער גאון איז געוואָרן זייער בייז און מאַכט צום רבי'ן מיט דער האַנט אָנווייזענדיג אויף דער טיר אַז ער זאָל אַוועקגיין. זאָגט דער רבי דער בעש"ט צום גאון, רבי פאַרוואָס גיט איר ניט דעם כביכול זיין פרנסה כו׳ [10]. הערענדיג די דאָזיגע רייד איז דער גאון געבליבן ווי צעטומעלט. עפּעס אַ איד אַ דאָרפסמאַן רעדט וועגען דעם כביכול אַז מען דאַרף דעם כביכול געבען פרנסה א.ז.וו.

דער רבי דער בעש"ט האָט דערקענט די מחשבות פון דעם גאון, זאָגט ער צו אים, די אידען זיצען אויף דער פרנסה וואָס השי"ת גיט זיי. אויף וואָס פאַר אַ פרנסה זיצט דער כביכול, דאָס זאָגט אונז דוד המלך אין תהלים ואתה קדוש און דו הייליגער אויף וואָס פאַר אַ פרנסה זיצסטו, יושב תהלות ישראל, דער כביכול זיצט אויף די אידישע לויבונגען וואָס אידען לויבען אים ב"ה פאַר דעם געזונט און פרנסה וואָס ער ב"ה גיט זיי. און פאַר די לויב ווערטער וואָס אידען לויבען השי"ת גיט ער ב"ה זיי בני חיי ומזוני רויחא.

ג. דאַרף מען פאַרשטיין: אמת טאַקע אַז בכדי דער „ואתה קדוש" [וואָס מצד עצמו איז ער קדוש ומובדל פון עולמות] זאָל זיין „יושב [ד.ה. ער זאָל נמשך ווערן למטה, וואָס די המשכה ווערט אָנגערופן „בשם ישיבה כמו היושב שמשפיל קומתו" [11]], דאַרף זיין די עבודה פון אידן — אָבער, לכאורה, קען מען דאָס אויפטאָן אויך דורך לימוד התורה [12].

היינט פאַרוואָס האָט דער בעש"ט געזאָגט צום גאון, וועלכער האָט געלערנט תורה יומם ולילה במשך פון איבער אַ יובל [13] יאָרן, „פאַרוואָס גיט איר ניט דעם כביכול זיין פרנסה כו׳" — ובפרט אַז אויך דאַן, בעת דער בעש"ט האָט אים דאָס געזאָגט, האָט ער געהאַלטן אינמיטן לערנען?

ואפילו אַז מ'וועט שוין מבאר זיין אַז דער „ואתה קדוש" טוט זיך אויף דוקא דורך „תהלות ישראל" — האָט דאָך דער בעש"ט געקענט מעורר זיין דעם גאון ער זאָל לויבן דעם אויבערשטן אויף דעם וואָס ער לערנט „בפרישות ובקדושה". פאַרוואָס האָט ער אים געדאַרפט פרעגן וועגן ענינים גשמיים (געזונט וכו׳)?

נאָר דער ביאור אין דעם איז:

דער תכלית כוונת הבריאה איז, עס זאָל זיין אַ דירה לו ית׳ בתחתונים [14], אַז פון די נידעריקע ענינים זאָל מען

---

10) ראה במאמר שם ס"ב בביאור מרז"ל (שהש"ר פ"א, ט בסופו) „רעיתי — מפרנסתי".

11) לקו"ת שם כט, ג.

12) וראה לקו"ת בהר מ, סע"א ואילך, שענין „רעיתי" (ראה לעיל הערה 10) הוא ע"י התורה — לכו לחמו בלחמי.

13) שנקרא „עולם" (תדבא"ר פ"ו. מכילתא ורש"י משפטים כא, ו. וראה בחיי וציוני שם).

14) תנחומא נשא טז. וראה לקו"ש ח"ו ע׳ 17 הערה 42.

מאכן אַ דירה צום אויבערשטן. און אַט די „דירה״ ווערט אויפגעטאָן

[בעיקר — דורך עבודת האדם ב־תחתונים, ניט אַזוי דורך לימוד ה־תורה, אָדער דורך לויבן דעם אוי־בערשטן פאַר לימוד התורה — ווייל לימוד התורה איז בעיקר שייך צו דעם „עליון״ וואָס איז דאָ באַ אַ אידן, צו דער נפש האלקית — נאָר]

דורך לויבן דעם אויבערשטן „פאַר געזונט און פרנסה״ — ענינים וועלכע זיינען שייך צום גוף און נפש החיו־נית [15]: דורך דעם וואָס אידן „דער־הערן״ אַז (אויך) זייערע גשמיות׳דיקע צרכים קומען פון אויבערשטן און זיי לויבען אים דערפאַר — דורך דעם מאַכט מען אַ דירה לו ית׳ בתחתונים.

און דעריבער, ווען דער בעש״ט האָט געזען ווי דער גאון זיצט אין אַ פרישות־שטיבל, אָפגעשיידט פון אַלע וועלטליכע זאַכן, ניט האָבנדיק צו טאָן מיט זיין גוף, נה״ב וחלקו בעולם — מיט „תחתונים״

(וואָרום דאָס וואָס ער האָט געגעסן איז געווען בלויז להכרח קיומו, ער האָט זיך אָבער ניט אָפגעגעבן מיט מברר זיין דעם גוף, נה״ב וחלקו בעולם),

האָט ער אים געזאָגט „פאַרוואָס גיט איר ניט דעם כביכול זיין פרנסה״ [16] עס זאָל מקויים ווערן דער נתאווה הקב״ה להיות לו ית׳ דירה בתחתונים.

און דערפאַר האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז „דער כביכול זיצט אויף די אידישע לויבונגען וואָס אידען לויבן אים ב״ה פאַר דעם געזונט און פרנסה וואָס ער ב״ה גיט זיי״ [17].

ד. ע״פ הנ״ל וועט מען אויך פאַר־שטין ווי דער תכלית העילוי איז נאָך ניט אין די פירות פון שנה ה־רביעית — וועלכע זיינען קדש און נאכלין לפנים מן החומה, נאָר אין די פירות פון שנה החמישית [19] הנאכ־לין בכל מקום ואפילו בטומאה [18]:

דורך דעם וואָס אַ איד וויס, אַז אפילו די פירות וועלכע זיינען ניט

---

15) ראה תניא פל״ז (מח, ב).

16) ועי״ד — להבדיל באין קץ — הפרנסה (המזון) כפשוטה, שבהעדר המזון אז נפרדת הנשמה מהגוף — עד״ז הוא גם בענין מפרנסתי למעלה (ראה לעיל הערה 10) — בזה תלוי קיום הענין דנתאוה הק׳ להיות לו ית׳ דירה בתחתונים. וכמ־חז״ל מה הקב״ה מלא כל העולם אף הנשמה מלאה את כל הגוף (ברכות י, א. וראה ויק״ר ספ״ד (ובכ״מ) בסדר הפוך — שהובא בכ״מ: הנפש הזו ממלא את הגוף והקב״ה ממלא את עולמו כו׳).

17) ועפ״ז יובן מה שהבעש״ט הפסיקו באמצע לימודו — אף שת״ת גדולה מכל המצות (הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ד רה״ג) — כי בלי הילול זה, חסר גם בהתורה שלומד. וכמרז״ל (יבמות קט, ב) כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו.

18) להעיר מהא דנטע רבעי (שדינו כמעשר שני — קדושין נד, ב) אין לוק־חים בכספו קדשי קדשים (מע״ש פ״ג מ״ב). ופשיטא שאין נלקחים להדברים דקדש ה־קדשים שבביהמ״ק — עיקר דירת הקב״ה בתחתונים (אחרי טז, ב ובפרש״י שם. תניא פנ״ג (וראה טושו״ע או״ח סצ״ד). ובכ״מ).

19) ולא רק שהפירות דשנה החמישית יש בהם מעלה מיוחדת, אלא שזהו גם התכלית של הפירות דשנה הרביעית, ומ־בלעדם — חסר בה „הילולים להו׳״, ועי״ד שנתבאר בהערה 17.

אלא שמ״מ צ״ל תחלה העבודה ד„בשנה הרביעית״ — כי באם יתחיל מיד באכילת פירות של הדיוט כו׳, הרי עלול הוא ש(הגם שרואה הוספת התבואה, מ״מ) לא יודה על זה להו׳ כו׳. ובדוגמת מה שאסור לאכול קודם התפלה (ראה לקו״ת צו ח, רע״א. ובכ״מ).

„קדש", אויך זיי זיינען תלוי בברכת ה' [ער זעט בעיני בשר דעם „להוסיף", די הוספה אין דער תבואה וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן], ובמילא לויבט ער זיכער דעם אויבערשטן אויף דעם[20] — אָט דער הילול לה', איז די „תהלות ישראל" וועלכע זיינען גורם דעם „ואתה קדוש יושב", אַז דער „ואתה" — וואָס גייט אויף עצמות[21] — „קדוש" ומובדל, איז „יושב" (ונמשך למטה) בדירה בתחתונים.

(משיחת ש"פ קדושים תשכ"ה)

20) ומכ"ש מהחיוב לברך להקב"ה על בורא . . חסרונן (ראה טור וב"י (שו"ע אדה"ז) באו"ח ס' רז). ולהעיר ממרז"ל דעל כל נשימה ונשימה שאדם נושם צריך אדם לקלס לבורא (ב"ר פי"ד, ט).

21) ראה ד"ה תפלין דמארי עלמא תרנ"ג קרוב לסופו. חכמות בחוץ תרונה תרצ"ד (בסה"מ קונטרסים ח"ב) פ"ב. ובכ"מ.